בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס מ"ז, פרשת לך לך תש"פ

# תוכן השיעור


'תלמיד שהלכה כמותו'...

'ותקננו בעצה טובה מלפניך'

'אם כן יעבוד השי"ת את עצמו'?!...

"אלע טאג אין קלייט"?!...

"דער אמת'ער אמת"...

"איך האב עס געמאכט פאר זיך"...

"מארק מענטשן"...

"צוברעכן יענעמ'ס יצר הרע"?!...

'לברר הטוב מן הרע'

'קונה עולמו בשעה אחת'...

'ארבעה יסודות'

'לעולם הוי רץ למשנה'

"לא להסתפק במועט"...

'ודברת בם'

'והנה נער בוכה'

'לעולם ידור אדם בארץ ישראל'...

"חסיד בעיר קטנה"...


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 47**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת כי תצא (ב'), תשל"ד

(טייפ מס' 48#)

## 'תלמיד שהלכה כמותו'...

(מדברים מגדלותו של מוהרנ"ת ז"ל לעומת שאר תלמידי רביז"ל שאף הם היו גדולים וקדושים, ר' נחמן בורשטיין שואל: "ר' הירש לייב דער רב" - הרב מברסלב, בנו של "ר' אהרן דער רב" תלמיד רביז"ל - איז געווען א מקורב צו ר' "שמואל אייזיק'ן"? – [אחד מגדולי תלמידי רביז"ל]), **ער איז נישט געווען קיין מקורב צו ר' שמואל אייזיק'ן, די דריי יאר וואס רבי נתן איז געווען פארשיקט אין נעמירוב** (מחמת מלשינות של החולקים), **האט ער געשיקט די צוויי קינדער צו ר' נתן'ען קיין נעמירוב, ער האט געזאגט: "דאס ווייז איך, אז נישט אזוי ווי מען זאגט אויף מיר אז איך בין שייך צו ר' שמואל אייזיק'ן, דא ווייז איך אז מיינע קינדער שיק איך צו ר' נתן'ען"!**

**ער איז געווען א ברען פייער, ער איז געווען א ברען פייער** (ר' הירש לייב)**!**

**נו, הלכה כרבי נתן!**

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל: איך האב געהערט א שיחה פון אונזערע לייט, אבער איך ווייס נישט צו ס'איז אויסגעהאלטן, אז איינער האט געפרעגט אן עצה ר' נחמן טולטשינער, און ער האט איהם געזאגט וואס ער זאל טוהן, נאכדעם האט ער געפרעגט רבי נפתלי'ן, האט ער איהם געזאגט פונקט פארקערט! איז ער געקומען צוריק פרעגן ר' נחמן טולטשינער, זאגט ער: **'איך ווייס נישט, איך האב מקבל געווען פון א תלמיד שהלכה כמותו!**)

**דער 'דיבור' קען זיין! דער 'דיבור' קלעפט זיך, נאר די זאך אליין** (ענין הסיפור הזו) **געפעלט מיר נישט, ווייל דער וואס האט געפרעגט ר' נחמן טולטשינער, איז נישט געגאנגען נאכדעם פרעגן ר' נפתלי'ן! אז ער האט געפרעגט ר' נחמן טולטשינער איז ער שוין געווען כרוך צו ר' נתן'ען!**

**אבער דער 'דיבור' קען זיין!** (הדיבור בפני עצמו, שר' נחמן טולטשינער אמר: **"איך האב מקבל געווען פון א תלמיד שהלכה כמותו"!**)

❖

# 'ותקננו בעצה טובה מלפניך'

נאך א זאך איז דא; אונזערע לייט פלעגן נישט געבן קיין עצה! זיי פלעגן נישט געבן קיין עצות! דאס ערשטע איז אזוי געווען, למשל דארטן אז איינער האט געוואלט יענעם פרעגן, מען האט גערעדט אמאל דער ענין אז מען דארף פרעגן יענעם אן עצה, (פלעגט מען איהם ענטפערן): "נו וואס זאגסטו"? "וואס זאגסטו אליין"? ער האט פריער געוואלט הערן זיין זאך! "וואס זאגסטו אליין"? "וועלכעס איז דיר מער מושך דארטן די זאך"?! און נאכדעם האט ער איהם געקענט זאגן זיינעם א געדאנק אויך! אבער פריער האט ער געוואלט הערן פון איהם אליין!

ביי מיר איז אויך אזוי געווען, (כ'האב געפרעגט) אויף א שידוך, (האט מען מיר געענטפערט): "וואס זאגסטו אליין"?![א]

פארוואס? ווייל ביים רבי'ן איז געווען - דער ענין פון עצות, **"מען זאל זיך היטן פון געבן יענעם אן עצה"!**[ב]

למשל, אז איך וויל יענעם פרעגן אן עצה דארטן אין אן ענין פונעם רבי'נס זאך, דער רבי זאגט דארטן 'התבודדות', צו דארטן אנדערע זאכענישן, קען איך אוודאי יענעם זאגן (הדיבורים של רבינו), איך זאג דאך נישט מיינס! אבער אזוי, אז ער וויל א עצה דארטן, פלעגט מען כמעט נישט (געבן עצות), מען האט זיך געהיט פון געבן עצות!

(השואל: אפילו בגשמיות?) **טאקע בגשמיות!** (השואל: א זאך וואס איך האב שוין א ידיעה, און יענער פרעגט מיר א עצה ווייל ער ווייסט נאכנישט ווי אזוי מען פירט זיך אין די זאך?) **מען האט נישט** געגעבן קיין עצה! מען האט נישט געגעבן קיין עצה! מען האט זיך געהיט פון געבן אן

---

[א] עי' שיש"ק ח"ו אות תכ"ח.

[ב] מענין קושי חלוקת העצה עי' בליקוטי הלכות הל' ראש חודש ו', ועי' הל' שחיטה ה' אות ג' וז"ל: ... כִּי יֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה עֵצוֹת שֶׁהֵם נִרְאִין עֵצוֹת טוֹבוֹת לְפִי שָׁעָה, אֲבָל בָּאַחֲרִית אֵין מַצְלִיחִין עַל יָדָם. וְעַל כֵּן בְּוַדַּאי בֶּאֱמֶת אֵינָם עֵצוֹת טוֹבוֹת כְּלָל, וְלִזְכּוֹת בְּעֵצוֹת שְׁלֵמוֹת, לְהַצְלִיחַ עַל יָדָם בְּאַחֲרִיתוֹ לָנֶצַח צְרִיכִין יְשׁוּעוֹת רַבּוֹת מְאֹד, וּצְרִיכִין לְבַקֵּשׁ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל זֶה מְאֹד מְאֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁין בְּכָל פַּעַם, "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ וְהוֹשִׁיעֵנוּ מְהֵרָה לְמַעַן שְׁמֶךָ". וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אדומו"ר ז"ל שֶׁבַּקָּשַׁת וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה וְכוּ', צְרִיכִין לְבַקְשָׁהּ וּלְהַפְצִיר ה' יִתְבָּרַךְ הַרְבֵּה מְאֹד עַל זֶה, (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹתָיו הַנַּ"ל בְּחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן - שיחות הר"ן אות רל"ח)... ועי' גם עלים לתרופה מכתב רנ"ד.

**עצה! פשוט, ווייל מען האט מורא געהאט צו געבן יענעם אן עצה! מען האט נאר געוואוסט אז די עצה איז 'תפילה', פון תפילה גייט ארויס די עצה![ג]**

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט מען נישט געקענט פרעגן?) **ער האט נישט געענטפערט! למשל ביי 'מאיר אנשין', אזא מין זאך, אפילו דארטן דער דרוק** (שעבד בעיר יפו בבית דפוס שהיו מדפיסים בו גם ספרים פסולים, והיתה פרנסתו תלויה בזה), **האט ער איהם אויך נישט געזאגט, 'ווארף אוועק', ער האט איהם נאר געזאגט, "אפשר וועסטו פועל'ן ביי איהם** (בעל הדפוס) **ער זאל דיר נאר געבן די און דאס** (שיעסוק רק עם ספרים כשרים) **!**

(אחד הנוכחים: אבער דערנאך האט ער געפונען א בריוו [- שר' אברהם ב"ר נחמן כתב לו שיעזוב את בית הדפוס]),[ד] **נאכדעם יא, געפונען א בריוול, מיט א צייט שפעטער דארטן, אויך דאס אייגענע, ער האט שוין געקענט גוט מאיר'ן, ער האט שוין געוואוסט ווער מאיר איז, ער האט שוין געוואוסט אז מאיר וויל באמת נישט, און מאיר וועט נישט קיין חרטה**

---

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ט אות ה'.

[ד] עי' הסיפור בס' תולדות שמואל - ימי חייו של רבי שמואל העשיל פרידמאן ז"ל מאנ"ש, ושם בהג"ה על יום ערב שבת פרשת עקב שנת תרע"ב, מובא וז"ל: ראוי להעתיק פה מכתב שכתב ר' אברהם בן ר' נחמן לר' שמואל מאיר אנשין בנוגע לענין עבודתם בדפוס, וּמְסָרוֹ לו על ידי ר' שמואל העשיל, (כמו שר' שמואל העשיל אכן מציין להלן שנסע ירושלימה ביום א' 'שופטים'), וזה תוכן המכתב:

**כבוד ידידי רבי שמואל מאיר נרו יאיר. אודות שאלתו בדבר ההדפסה אשר שאל מאיתי, עלה בעת ברעיוני, כי בלי ספק נמצא ביכולתו להתעקש בבקשתו מבעל הדפוס, שכאשר יגיע לידו דף או עמוד מדברי הכפירות והחרופים, יחליף וייתן זאת העבודה לפועל אחר, ולא מידיו תצא פעולה כזאת להחטיא את הרבים בכפירות הנשתוות לעבודה זרה ממש; ואשר על כאלה חייב האדם למסור את נפשו יהרג ואל יעבור, ובפרט שהמחרף גרוע מכולם כמבואר מדברי חכמינו ז"ל. גם אם אין ביכולתו למסור את נפשו ולעזוב לגמרי עבודת חטא הרבים כזה, על כל פנים יש ביכולתו לקבל על עצמו זאת המסירות נפש, להנות את בעל הדפוס בעבודה חצי שעה בכל יום יותר מפועלים אחרים (ואפשר יותר מחצי שעה); ואפשר, בעד זה היתרון, יגמול איתו בעל הדפוס זה הגמול הנ"ל, אשר לא יפסיד ויחסר כלל בזה. ואני עשיתי מה שמוטל עלי - להזהירו ולהודיעו מכל זה, ויותר אין להאריך.**

**נאום ידידו ואוהבו, ומיעצו לחייו בגוף ובנפש. אברהם חזן.**

**ולפרוש בשלום המוסר כתב זה רבי שמואל העשיל נרו יאיר. ומאליהם יבינו, שלדעתי יש להם להתחבר, שיבקשו שניהם זאת הבקשה מבעל הדפוס; ובכל לב ונפש, כאשר יבקש האדם על חייו הגשמיים בכל לב ונפש מהבא להורגו חס ושלום, כי 'המחטיאו קשה מההורגו' (כמבואר בדברי חכמינו ז"ל); וגם בתחלה יבקשו ויתפללו על זה מה' יתברך, אשר בידו לב כל נפש ("פלגי מים לב מלך" וכו'), "ובקשתם משם וכו' ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך". ידידו ואוהבו. אברהם הנ"ל....**

האבן, און מאיר וועט נישט האבן קיין חלישות הדעת דערפון, האט ער איהם שוין געזאגט אזוי! ער האט זיך זייער געהיטן.

ווי קען ער יענעם געבן אן עצה? יענער איז איצטער נתלהב געווארן און ער וויל דאס, און שפעטער וועט יענער אראפ פון די התלהבות, איז דאך נישט בסדר, ער וועט אראפ פון די מדריגה וועט ער האבן חרטה!

(אחד הנוכחים: מען דערציילט, ר' אפרים'ל האט געוואלט גיין אין מקוה נאכמיטאג, און ער האט זיך געשפירט נישט אזוי גוט, האט ער געטראכט ער וועט פרעגן א ברסלב'ער חסיד, האט ער געפרעגט "ר' יחזקאל מנדליאל" וועגן דעם, צו ער זאל גיין אין מקוה אדער נישט), 'ער' מעג פרעגן, נאר דער 'ברסלב'ער חסיד' דארף אבער קלערן צו ער זאל ענטפערן צו נישט! ער מעג זאגן, גאנץ גוט - ער וויל פרעגן!

אסאך איז פארהאנען ביי אונזערע לייט וואס ס'מאכט זיך חורבנות דערפון וואס מען גיבט עצות! אזו ווי יענער איז מסופק – בין איך אויך מסופק! פון וואנעט ווייס איך צו געבן יענעם אן עצה?!

(השואל: דעם דיבור האט איר געהערט - אז ר' נתן האט געזאגט, ער ווייסט נישט צו ער זאל עסן נאך א לעפל אדער ווייניגער א לעפל?) יא יא, איינער איז געווען אין טעפליק, ער האט געפרעגט אן עצה, האט ר' נתן גארנישט געענטפערט, יענער האט איהם געפרעגט האט ר' נתן געשוויגן, האט ער איהם נאכאמאל געפרעגט, האט ר' נתן איהם געזאגט: "איך קען זיך נישט אן עצה געבן צו איך זאל איך עסן נאך א לעפל צו נישט - טאמער איז שוין גענוג - ווילסטו איך זאל דיר שוין געבן די עצה"?!

אפילו רבי נתן! ס'איז געווען א וועג ביי אונז, "מען האט נישט געגיבן קיין עצות"! מען האט זיך געהיט!

❖

## 'אם כן יעבוד השי"ת את עצמו'?!...

און ס'ווייזט אויס אפילו פון רבי'ן אליין אז ער האט אויך נישט געגעבן קיין עצות! בשעת דער רבי האט נישט מסכים געווען אז ר' ישראל נעמירוב'ער זאל פארן,[ה] האט

---

[ה] עי' הסיפור בארוכה בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ' (ב').

ער אויך נישט געזאגט אז 'ניין', נאר די תנועה איז געווען אזוי ווי אז דער רבי האלט נישט דערפון, אבער זאגן מיטן מויל 'ניין' - דאס אויך נישט, אויף אזוי ווייט!

ר' נתן האט דאך געזאגט צום רבי'ן: "רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן"?! האט דער רבי געזאגט: **"טאקע אזוי, טאקע אזוי"!**[ו]

וואס איז דער פשט "איר קענט מפקיר זיין א מענטשן", ס'איז פארהאן אמאל דער צדיק זאל א מענטשן זאגן עפעס א זאך - וועט ער עס טוהן, אבער ער זאגט נישט! שטעלט ער דאך יענעם איין אין א סכנה, (פונדעסטוועגן) זאגט ער נישט! ווייל ער דארף דאס אוועקשטעלן אויף זיין א בחירה, קען ער איהם נישט זאגן!

(ר' נחמן בורשטיין: וואס איז געווען דארטן די זאך וואס ר' נתן האט געזאגט דעם רבי'ן 'רבי איר קענט מפקיר זיין א מענטשן'?) **'וואס' ווייסט מען נישט!** (ר' נחמן בורשטיין: אבער ס'איז געווען עפעס א זאך דארטן?) **יא, געווענדליך!**

ר' נתן האט געזעהן ביים רבי'ן אז ס'איז פארהאן אמאל אז דער רבי זאל יענעם (נישט זאגן בפירוש, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן): **"איר קענט מפקיר זיין א מענטשן"?!** (ענה לו רבינו): **"טאקע אזוי, טאקע אזוי"!**

בשעת מען שטעלט יענעם אוועק פאר א נסיון, מען נעמט ביי איהם צו אלע מוחין, מען לאזט איהם איבער נאר א 'רשימו', און די רשימו אז ס'איז שטארק גייט ער אדורך![ז] נאר דעמאלטס איז די קשיא, אז דער צדיק ווייסט דאך ער האט א נסיון, זאל ער צופארן צו איהם און איהם אפשטעלן? ניין! ס'איז א נסיון מלמעלה, שטעלט מען איהם אויף זיינע אייגענע - אויף זיינע אייגענע כוחות!

(אחד הנוכחים: מען זעהט דארטן אין די גמרא, רבן יוחנן בן זכאי האט געזעהן אין חלום, אז זיינער א פלומעניק וועט אויסגעגעבן דארט אזויפיל געלט, ער האט איהם נישט געוואלט זאגן פונעם חלום, האט ער געמאכט גיבן אין צדקה),[ח] **יא יא, ס'זאל זיין לשמה!**

---

[ו] רצ"ל שאכן כך הוא, וכן הוא מוכרח לעשות בשביל הבחירה! עי' שיש"ק ח"ו אות של"ד.

[ז] עי' ליקוטי הלכות הל' תפלת המנחה ו' אות י"א.

[ח] עי' בבא בתרא דף י' ע"א.

איז אויך דאס אייגענע, אז דער צדיק זאל יענעם זאגן 'עשה כך', און ער וועט פאלגן, איז שוין נישט דאס וואס מען וויל מלמעלה, מלמעלה וויל מען ער זאל אליין זיין א בוחר אויף דער זאך, **"אם כן יעבוד השי"ת את עצמו"**![ט]

❖

(השואל: דער רבי זאגט דאך אז מען זאל פרעגן 'בני הצדיקים'?)[י] **יא יא, מען פרעגט, ס'איז פארהאנען אמאל דאס 'פרעגן אליין'! ביי אונזערע לייט איז געווען אזוי - זיי פלעגן נישט ממש ענטפערן, אבער מען האט פארשטאנען וואס מען זאל טוהן! אז מען האט זיי געפרעגט, כאטשיג זיי האבן נישט געענטפערט, אבער מען האט פארשטאנען!**

מיר האבן געהאט אסאך מאל אזעלכע זאכענישן, אז מיט'ן 'נישט ענטפערן' האט מען געזעהן וואס זיין געדאנק איז! ער וויל מיר נישט זאגן, אבער איך האב דאך געוואלט הערן זיין געדאנק, אבער ער האט מיר נישט געוואלט זאגן, אבער פונעם נישט זאגן האב איך געוואוסט וואס זיין געדאנק איז!

(אחד הנוכחים: ס'שטייט דאך אויף משה 'הוסיף יום אחד מדעתו' נישט געענטפערט - און געענטפערט).[יא]

❖

# "אלע טאג אין קלייט"?!...

דער רבי האט ר' נפתלי'ן אוועקגענומען פונעם 'משא ומתן', איז אויך נישט געווען אז דער רבי זאל זאגן ר' נפתלי'ן 'עשה כך'! נאר ר' נפתלי פלעגט אלעם דערציילן דעם רבי'ן, ביים אנהויב התקרבות, האט ער דערציילט דעם רבי'ן אז ער זיצט אלע טאג אין קלייט, ער האט געהאט א קלייט פון סחורה (אריגי בד), האט ער זיך אויסגערעדט פארן רבי'ן אז ער זיצט אלע טאג אין קלייט, זאגט דער רבי: **"א גאנצן**

---

[ט] עי' חיי מוהר"ן אות ש"ל: אָמַר, אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת מִכֻּלְּכֶם צַדִּיקִים גְּמוּרִים נוֹרָאִים, אֲבָל מַה יִּהְיֶה, אִם־כֵּן יַעֲבֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ אֶת עַצְמוֹ, (כְּלוֹמַר שֶׁרְצוֹנוֹ הוּא שֶׁאֲנַחְנוּ בְּעַצְמֵנוּ נִתְיַגֵּעַ בְּכֹחוֹ וַעֲצוּתָיו הַקְּדוֹשִׁים לְהַשִּׂיג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֲבָל לֹא שֶׁהוּא יִתֵּן הַכֹּל לְגַמְרֵי).

[י] עי' בסוף ליקוטי מוהר"ן הוספות מכתב יד, ובחיי מוהר"ן אות תקע"ה.

[יא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ק"ץ, ולקוטי תפלות תפלה קכ"ט המיוסד על תו' זו, ועי' כוכבי אור - ששון ושמחה הערה ג' בסופו.

טאג זיצן אין קלייט"?! דער רבי האט נישט געזאגט, 'זיץ נישט'! נאר "א גאנצן טאג זיצן אין קלייט"?!

שוין, האט ער שוין אנגעהויבן זיצן אביסל ווינציגער, ווינציגער געזעצן אין קלייט, נאכדעם זאגט דער רבי: **"אלע טאג זיצן אין קלייט"?!** האט ער שוין אנגעהויבן זיצן נאר אין א 'יומא דשוקא', א מארק טאג, א 'יריד' טאג!

(נאכדעם האט איהם דער רבי געזאגט): **"וואו א יריד דארפסטו זיין אין קלייט"?!** ביז דער רבי האט איהם ארויסגענומען פון דער קלייט!

אבער אלץ נישט מיט 'זאגן', דער רבי האט איהם דאך געקענט זאגן פריער 'ווארף אוועק די קלייט', אזוי צוביסלעך צוביסלעך! אויך נישט מיט א לשון 'גיי ארויס'! נאר אזא מין לשון 'דארפסט זיין א גאנצן טאג'?! 'אלע טאג'?! און 'וואו א יריד דארפסטו זיין אין קלייט'?!

זעהען מיר אלס, אז דער צדיק האט אויך נישט געזאגט (בפירוש), נאר 'צוביסלעך צוביסלעך' האט ער איהם אוועקגעריסן פון די קלייט! צוביסלעך!

❖

# "דער אמת'ער אמת"...

ר' נתן האט געפרעגט דעם רבי'ן קעגן דעם וואס דער שווער האט איהם געוואלט געבן א שטאט פון רבנות, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, זאגט דער רבי: **"אוודאי אוודאי"!** האט ער געזאגט דעם רבי'ן קעגן 'שאלות' אז ער האט מורא, (אמר לו רביז"ל): **"ווער דען זאל זיין רב? ווער ס'האט נישט קיין מורא"?!** (ר' נחמן בורשטיין: האט איהם דער רבי געזאגט אבי ער האט זיך אויף וועמען צו פארלאזן, עיי"ש), **יא!**[יב]

ביז ער האט א קוועטש געגעבן דעם רבי'ן: **"רבי, ווי איז אבער דער אמת'ער אמת?"** (אז ענה לו רביז"ל): **"נו - אז דו זוכסט דעם אמת'ן אמת, דארפסטו קיין רב נישט זיין"!**[יג]

---

[יב] עי' חיי מוהר"ן אות תמ"ד.

[יג] עי' ימי מוהרנ"ת אות ח'.

**האט דאך דער רבי איהם געקענט זאגן באלד?! אז ער האט ארויסגעקוועטשט אז ער וויל דעם אמת'ן אמת - "נו, אז דו ווילסט דעם אמת'ן אמת, דארפסטו נישט זיין קיין רב", זעהען מיר אלס אז מען האט זיך אלס געהיט זיך, מען זאל נישט יענעם זאגן גלייך!**

(ר' נחמן בורשטיין: ווען רבי נתן וואלט געווען א רב וואלט נישט געוועזן קיין השארה פון רבי'ן?!), **אוודאי נישט, א רב איז א רב!**

**טאקע "ר' אהרן דער רב" איז געווען א רב, האט ער נישט עוסק געווען אזוי אין מקרב זיין מענטשן צום אויבערשטען, ער איז געווען א רב! צו "ר' הירש לייב דער רב"** (כמו כן).

❖

# "איך האב עס געמאכט פאר זיך"...

**דאס פלעגט מען יא זאגן: מען זאל האבן התבודדות, און טוהן וואס מען דארף אין אידישקייט, דאס האט מען יא געזאגט! נישט בתורת 'איך זאג יענעם', נאר זיך געגיבן התחזקות, בין איך אויך אין כלל מיט יענעם!**

**אז רבי נתן זאגט א הלכה, ר' נתן האט יענעם געזאגט?!**

**רבי נתן האט געמאכט א תפילה אויפ'ן תיקון הכללי, "אשירה לה' בחיי" וכו', א געוואלדיגע תפילה, אידן האבן זיך אויסגעוויינט מיט דער תפילה, און דאס ערשטע מאל ווען ער איז אראפגעגאנגען פונעם ציון** (- מוהרנ"ת ז"ל, אחר שחיבר את התפלה), **דאכט זיך מיר ר' נפתלי - צו ר' יודל** (שאלו אותו:) **"וואספארא תפילה"? "וואספארא תפילה"?** (כלומר, למה מוסיף תפלה על תיקון רביז"ל, ענה מוהרנ"ת:) **"איך האב עס געמאכט פאר זיך"! יענער וויל זאגן, נו! איך האב עס געמאכט פאר זיך!**[יד]

**און ס'איז טאקע אזוי, רבי נתן האט טאקע געמאכט די תפילה פאר זיך, אז יענער וויל זאגן? זאגט עס יענער אויך!**

**זעהט מען אלס, מען האט זיך אלס געהיט זיך, דער ענין וואס דער רבי האט אלס דערוויטערט פון דעם, יעדער זאך, מען האט מורא געהאט פאר א פירסום!**

---

[יד] עי' שיש"ק ח"ב אות תרל"ב.

ר' נתן האט גערעדט טאקע - ס'איז דעם רבי'נס (דיבורים)! מען זעהט די ליקוטי הלכות - א לשון אזוי ווי מען רעדט פאר זיך, די תפילות געמאכט פאר זיך, נישט זאגן יענעם טוה אזוי! עשה כך!

❖

# "מארק מענטשן"...

רבי נתן האט נישט געוואלט אז זיין זוהן ר' יצחק זאל פירן די פאסט,[טו] ר' נתן האט געוואלט זיין זוהן ר' יצחק זאל זיין א 'יושב אהל', אויך האט ר' נתן נישט געוואלט אז "ר' אפרים ר' נפתלי'ס" זאל האנדלען מיט דימאנטן, ער האט געוואלט ער זאל זיין א 'יושב אהל', נאר זאגן האט ער זיי נישט געזאגט!

איז רבי אפרים האט געהאנדלט מיט דימאנטן, אבער ער איז געווען 'יענער סוחר' - פון צוועלף ביז צוועלף האט ער געדינט דעם אויבערשטען! פון צוועלף ביינאכט געדינט דעם אויבערשטען צוועלף שעה! (נאר צוועלף מיטאג איז ער געגאנגען האנדלען).

רבי נתן האט זיי אנגערופן, "מארק מענטשן", "מארק מענטשן" - האט ער זיי אנגערופן -ביידע!

נאר די קשיא איז: זאל ער זאגן? דער תירוץ: מען זאגט נישט! ווען ר' יצחק וואלט געווען אליין, ('יושב אהל' בבחירתו) - צו ר' אפרים, וואלט רבי נתן געווען צופרידן, וואלט ר' נתן זייער געווען צופרידן! נאר זאגן - זאגט מען נישט!

איז פון דא א געוואלדיגע ראיה! 'זיינע יונגעלייט', זיי קלעבן אין איהם, זיי זענען מקבל פון איהם, און ער ווייסט אז זיי זענען מסוגל זיי זאלן זיין (יושבי אהל), אבער מען זאגט נישט! מען זאגט נישט!

(ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך אז ר' יצחק האט איהם דאך געפרעגט אמאל) ר' יצחק האט איהם נאר געפרעגט, אז ס'איז געווען עפעס א פריץ - א גראף - ער האט געהאט עפעס א נשיאות חן ביי איהם, האט ער איהם געוואלט געבן אדער א 'וואלד', אדער א 'מיל', אדער די 'פאסט', האט ר' נתן איהם געזאגט ער זאל זיך אויסקלייבן בעסער די 'פאסט', ווייל מיט די פאסט וועט ער קענען מער כסדר עוסק זיין בתורה ותפילה!

---

[טו] עי' עלים לתרופה מכתב תס"ב.

האט ער נישט געפרעגט: צו ער זאל נעמען אינגאנצן - צו נישט, נאר איינס פון די דריי! וואס ער זאל זיך אויסקלויבן פון די דריי?! האט ר' נתן געזאגט, ער זאל נעמען בעסער די פאסט!

(אחד הנוכחים: ר' אברהם ר' נחמן'ס ברענגט, אז ר' נתן האט איהם נישט געזאגט "נישט ארבעטן", ווייל בטחון דארף מען האבן פאר זיך!) טאקע אזוי, מען רעדט דאך אזוי דעם שמועס, אוודאי אזוי, איך זאל זאגן יענעם "ווארף אראפ די פרנסה", האב 'איך' בטחון פאר 'יענעם'!

❖

## "צוברעכן יענעמ'ס יצר הרע"?!...

בכלל איז געווען ביי אונז א ענין, איך וויל נישט צוברעכן יענעמ'ס יצר הרע! איך וויל צוברעכן מיין יצר הרע, נישט יענעמ'ס יצר הרע! דערפאר טאקע האט מען זיך געהיט פון זאגן יענעם - יענעם אריין זאגן, מען האט גערעדט סתם בתורת 'חבר'![טז]

און נאכ'ן רעדן - "דו האסט א מויל, דו האסט א גרויסן רבונו של עולם, דו קענסט רעדן צו איהם! דו קענסט איהם בעטן"! אבער נאכ'ן רעדן זאל איך זאגן 'עשה כך'?! איך זאל גיבן יענעם עצות?! הדרכות?! קיינמאל נישט געווען ביי אונז!

און ס'איז דא געוואלדיגע חורבנות די לעצטע צייט, פון וואס מען זאגט יענעם דעות! און מען מאכט נישט גוט, יונגעלייט פאלן אוועק דערפון, מען געבט הדרכה, טוה אזוי, טוה אזוי, ער מישט זיך אריין צו יענעם! נאר איין זאך קען איך איהם זאגן - בתורת חבר!

(אחד שואל על מה שאצל מוהרנ"ת היו החברים נוהגים לעשות שיעורים ביחד),[יז] מען האט געמאכט בתורת חברותות! מען האט זיך געמאכט שיעורים אויפ'ן טאג, מען האט געמאכט צוזאמען, ס'איז דארט געווען שיעורים פון משניות אויך, אזוי ווי מען מאכט זיך חברותות, א 'סדר היום', צוויי חברים לערנען דאס, די זאך איז מען מסדר דעם טאג, דאס הייסט נישט 'איך זאג יענעם', נאר צוויי חברים, צוואנציג חברים, מען

---

[טז] עי' תו' ח' תניינא אות א', ושם בליקוטי עצות ערך תוכחה אות כ'.

[יז] עי' קונטרס טעם זקנים 28, שהיה אצלם סדר תקנות עם שיעורים מיוחדים.

**גיבט זיך א סדר ווי אזוי מען זאל זיך פירן דעם טאג - פארברענגען דעם טאג! דאס איז אן אנדער ענין! דאס הייסט בתורת חבר!**

**דער רבי שרייבט אמאל צו רבי נתן'ען, 'ידידי' ר' נתן! דער רבי שרייבט 'ידידי' ר' נתן!** (א' הנוכחים: צום איידעם שרייבט דער רבי 'מורינו הרב יושע'!).[יח]

(השואל: יוסקא מיט יושע איז איין זאך?) **אוודאי, ר' יוסקא, ער האט דאך געהייסן נאכן 'תולדות'!** (הוא היה בנו של ר' אברהם דוב מ'חמעלניק חתן בעל התולדות ז"ל), **דער תולדות האט געהייסן 'יעקב יוסף', איז אוודאי האט ער געהייסן יוסף! אמאל איז געווען אין אוקריינא פלעגט מען אזוי רופן 'יושע'.**

❖ ❖ ❖

# 'לברר הטוב מן הרע'

(השואל: רבינו אמר ללמוד בכל יום פוסק לכל הפחות הלכה אחת - 'הלכה למעשה', וואס איז פשט?)[יט] **א 'הלכה ברורה'! ס'שטייט אין שולחן ערוך הלכות תפילין, אז מען גייט ארויס דארטן לצורך, זאל מען נאכאמאל מאכן א ברכה, אבער די אחרונים זאגן אויף דער מחבר אז מען זאל נישט מאכן נאכאמאל קיין ברכה!** (עי' או"ח סי' כ"ה סעיף י"ב ובמג"א ס"ק כ"ב, עיי"ש), **איז איינער וואס לערנט דעם מחבר אליין איז שוין -** (נישט קיין הלכה ברורה למעשה) **!**

(השואל: אבער ער פרעגט פארקערט, ס'איז דא א הלכה למשל 'מים אחרונים חובה', אדער 'ברכת התורה צריך להזהר בה מאד', דארטן איז נישטא קיין שאלות אין דעם, איז דאס הייסט אויכעט א הלכה וואס דער רבי האט געמיינט? אדער דוקא אזא הלכה וואס ס'איז דא שאלות אין דעם און דער שולחן ערוך איז מכריע?!) **ווער דרייעט? וואס דרייעט מען? נאר דרייען... א 'הלכה ברורה' און שוין!**

---

[יח] עי' במכתבי רביז"ל ריש עלים לתרופה מכתב ב' - "אֲהוּבִי חֲתָנִי הָרַבָּנִי הַנָּגִיד מוֹרֵנוּ הָרַב יוֹשַׁע נֵרוֹ יָאִיר וְיוֹפִיעַ", ומכתב ו' - "יְדִידִי מוֹרֵנוּ הָרַב נָתָן מִנֶּעמְרוֹב".

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ח' אות ו', ובשיחות הר"ן אות כ"ט ואות קפ"ה, ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"א (ג'): בְּעִנְיַן לִמּוּד שֻׁלְחָן עָרוּךְ שֶׁהִזְהִיר אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל, שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁדַּי לִלְמֹד סָעִיף אֶחָד לְבַד בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲבָל דַּוְקָא סָעִיף כָּזֶה שֶׁהוּא פְּסַק הֲלָכָה.

(אחד הנוכחים: א זאך וואס איז נישטא קיין מחלוקת, וואס איז דער 'בירור'?)[כ] **אבער ווער עס האט ארויסגעגעבן דער הלכה, האט דאך שוין יענער מברר געווען! ווען דער טור ברענגט א הלכה און ס'איז נישטא קיין שום חולק, האט דער טור מברר געווען די הלכה פונעם רא"ש, און דער רא"ש פונעם רי"ף - רמב"ם, און ס'גייט פון די חז"ל, האט מען שוין מברר געווען די הלכה! איז דאס הייסט נישט קיין הלכה? נאר אויב די אחרונים קריגן הייסט א הלכה? און טאמער האט מען שוין מברר געווען די הלכה?!**

(שואל עוד: דער נוסח הברכה 'אשר יצר את האדם בחכמה' איז א סעיף אין שולחן ערוך, דאס הייסט א הלכה?) **יא יא, אוודאי.**

(שואלים: איז וואס איז דער בירור הטוב מן הרע, דער רבי ברענגט אין תורה ח' "על ידי לימוד פוסקים, אזי מפרש הטוב מהרע"?), **דער רבי רעדט דארטן פון די זעקס בחינות פון די תורה: כשר פסול, טמא טהור, אסור מותר, דאס איז די זעקס בחינות, דאס איז תורה! אז מען לערנט 'גמרא' אליין, איז דאך אויסגעמישט כשר פסול, אבער אז מען לערנט שוין די אחרונים, רי"ף רמב"ם רא"ש - דעם 'מחבר', איז שוין דא די הלכה! מען איז מברר, דא איז כשר, דא איז פסול, דא איז טמא, דא איז טהור! איז טאמער איז דא א הלכה וואס דער ש"ך מיטן ט"ז קריגן נישט, הייסט עס נישט קיין הלכה?!**

**ס'איז פארהאנען אמאל אין חושן משפט, טוהט זיך גאנצע בלעטער וואס דער מחבר זאגט, און דער רמ"א אליין קריגט אויך נישט, און גארנישט איז נישטא, ס'איז נישטא קיין באר היטב אינגאנצן, און אזוי איז דער הלכה! פארוואס איז עס נישט הלכה?!**

(השואל: ווי אזוי וועט זיין א משנה, אז ס'איז דא א משנה להלכה וואס ס'איז נישטא קיין שום מחלוקת אויף דעם, און ער לערנט די משנה אליין, האט מען יוצא געווען הלכה?) **ניין ניין, די גמרא זאגט דאך אז זיי זענען 'מבלי העולם', אז מען איז 'מורה הלכה מתוך משנתן'!**[כא] **אפילו אז מען פסק'ענט הלכה פון א רמ"א** (בלי עיון בדברי הנושאי כלים) **איז אויך נישט** (כהוגן)**!**

❖

---

[כ] רצ"ל עפ"י משנ"כ בשיחות הר"ן שם אות כ"ט דענין לימוד הלכה הוא כדי לברר הטוב מן הרע וכו'.

[כא] עי' מס' סוטה דף כ"ב ע"א.

# 'קונה עולמו בשעה אחת'...

אונזערע לייט פלעגן זאגן אזוי - מיר קענען עס נישט רעדן אזוי שטארק: "אז דער רבי האט געהייסן האבן א 'שעה' התבודדות - איז א 'שעה' לערנען שולחן ערוך"! דאס איז דאך אויך 'משפט', 'התבודדות' איז משפט - און 'שולחן ערוך' איז משפט, ביי אונזערע לייט האבן אסאך מקיים געווען דאס דאזיגע, געלערנט א שעה שולחן ערוך - א שעה משפט!

איך קען דאס נישט רעדן, ווייל רעדן - דארף מען מקיים זיין אויך, אבער מען זאגט דאך אזוי! אזוי איז געווען, אסאך פון אונזערע לייט זענען געווען נזהר, זיי האבן געזאגט די סברא, **אז דער רבי זאגט 'משפט', משפט הייסט 'התבודדות' און משפט הייסט 'הלכות', און אז דאס איז א שעה, דארף דאס אויך זיין א שעה!**

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דאס געמאכט?) **ער האט געווים מקיים געווען דאס!**

(ר' נחמן בורשטיין: ער ברענגט אין תורה "ראיתי מנורת הזהב" - תורה ח', אין ביאור הלקוטים, ער רעדט ארום וועגן די תתר"ף חלקים וואס איז דא אין א שעה, וואס דער רבי דערמאנט דארטן, דאכט זיך מיר אז ער רעדט וועגן לערנען אויך),[כב] איך ווייס אז ווערדליג "ר' אברהם ר' נחמן'ס" איז געווען קלאר אין די ארבעה שולחן ערוך'ס - אין א טו"ז מיט א ש"ך אזוי ווי א סעיף קטן, האט ער אסאך געלערנט שולחן ערוך, אסאך געלערנט! נישט איין הלכה, נאר אסאך געלערנט הלכות, אסאך געלערנט!

מען האט מקיים געווען, מען האט געלערנט! אז מען וויל זיך ראטעווען דארף מען לערנען הלכות! אז מען וויל זיך ראטעווען דארף מען לערנען אלע ארבעה שולחן ערוך'ס!

❖

# 'ארבעה יסודות'

אונזערע לייט פלעגן זאגן אויף די תורה פון "ראיתי מנורת זהב" - תורה ח', דער רבי רעדט דארטן פון מברר זיין די ד' יסודות - די ד' מידות: "**דערפאר איז דא ד'**

[כב] עי' ביאור הלקוטים על תורה ח' אות ס"ו על ענין שעה התבודדות.

שולחן ערוך'ס, **אנטקעגן די ד' יסודות - די ד' מידות"!** "לברר אחיזת הטוב מן הרע", איז דא אנטקעגן דעם די 'ארבעה' שולחן ערוך, אויך 'ארבעה', אנטקעגן די ארבעה יסודות!

אונזערע לייט, אפילו נישט די גרויסע לומדים, מען האט געוואוסט אז מען דארף ענדיגן די ארבעה שולחן ערוך'ס און נאכאמאל אנהויבן! ענדיגן און אנהויבן![כג]

איך האב געקענט א מענטש וואס איז נישט געווען דער גרויסער צדיק, דער גרויסער גאון, ער האט געקענט איבערגיין צוואנציג מאל די ארבעה שולחן ערוך'ס! איבערגעאנגען, געענדיגט און נאכאמאל אנגעהויבן, און ס'האט איהם א טובה געטוהן אין זיינע ארבעה יסודות! ס'האט איהם מברר געווען!

דער רבי זאגט ביי די לימוד הלכות: "ללון לעומקה של הלכה", אזוי ווי מען איז מען מברר די זאכן, אסור מותר כשר פסול, אזוי קען מען מברר זיין ביי זיך אין די מידות אויך!

אז ביי מיר איז אויסגעמישט די תורה - כשר פסול, איז ביי מיר די מידות אויך אויסגעמישט, קען איך נישט מאכן ביי זיך קיין בירור, ס'איז אויסגעמישט!

נאר וואס דען, מיר רעדן - דארף מען רעדן אויף מקיים צו זיין, אז מען 'רעדט' און מען 'וויל' מקיים זיין, 'קען' מען שוין אויך! אז מען 'וויל' מקיים זיין קען מען אויך 'זאגן'!

❖

# 'לעולם הוי רץ למשנה'

ביי אונזערע לייט איז געווען דער שולחן ערוך א יסוד הלימוד! א יסוד הלימוד געווען! מען האט פארבראכט אסאך אויף שולחן ערוך! און ס'האט טאקע א טובה געטוהן אין מח, ס'האט טאקע מברר געווען אסאך!

(השואל: משניות אויך?) משניות איז אויך געווען א לימוד, אוודאי!

---

[כג] עי' שיחות הר"ן אות כ"ט.

**דער של"ה הק' איז משבח דעם "רבינו עובדיה מברטנורא", ער זאגט:[כד] אחר שכבר זכינו לפירוש רבינו עובדי' מברטנורא, וואס ער ברענגט די הלכה, דער רע"ב ברענגט דאך אלעמאל די הלכה!**

**ער איז געווען אכציג יאר פאר'ן בית יוסף, א געוואלדיגער מענטש איז ער געווען, א געוואלדיגער בעל רוח הקודש איז ער געווען, א הויעכער סארט מענטש געווען, ער ליגט דא אין הר הזיתים!**

**איך האב געהערט אין מאסקווע פון די עלטערע חסידים - די ליובאוויטשער, אז דער בעל התניא האט געזאגט צו זיינע חסידים, "זיי זאלן נישט לערנען קיין ספר וואס האט נישט געמאכט קיין בעל רוח הקודש"! האבן זיי געפרעגט: דער רע"ב אין משניות? זאגט ער: "א ריינער רוח הקודש! א ריינער רוח הקודש"! ער האט אזוי געענטפערט, ס'איז א ריינער רוח הקודש! דער רבינו עובדיה איז נישט קיין שאלה אין קיין פראסט פשט!** (- שאינו כפשוטו, אלא רוח הקודש).

(השואל: ר' אברהם האט געזאגט אז מען איז יוצא בדיעבד מיט דעם לימוד שולחן ערוך?) **דער של"ה הקדוש זאגט אז כאטש מען איז 'מבלי עולם' אז מען לערענט משניות, אבער "אחר שכבר זכינו לרבינו עובדי' מברטנורא" איז מען שוין נישט מבלי עולם, ווייל דארט שטייט שוין די הלכה אויך!**

(השואל: וואס איז מיט'ן תפארת?) **שוין, וואס דארף מען רעדן,** (אחד הנוכחים: די חסידים - - -) **שוין שוין,** (השואל: תוספות יו"ט האט מען געלערנט!), **יא יא!**

❖

# "לא להסתפק במועט"...

**נו שוין, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, ס'איז נאך אינמיטן אלול, היינט איז שוין י"א אלול, מיר דארפן נאך האבן 'משפט', מיר דארפן האבן משפט פאר'ן**

---

[כד] עי' של"ה, מסכת שבועות - נר מצוה, אות ל"ד: **וּמִכָּל שֶׁכֵּן הָאִידְנָא, שֶׁזָּכִינוּ לְפֵרוּשׁ הָרַמְבַּ"ם וְהָרַב בַּרְטְנוּרָ"א, שֶׁמְּבָאֲרִים הַמִּשְׁנָה כְּפִי הַהַסְכָּמָה שֶׁבַּתַּלְמוּד, וְגַם כָּתְבוּ פְּסַק הַהֲלָכָה, הֲרֵי מַעֲלַת הַמִּשְׁנָה רַבָּה...**

**אויבערשטען, משפט - שולחן ערוך!** (אחד הנוכחים: ס'איז דא דריי 'משפט' ביים רבי'ן ראש השנה, התבודדות, און שולחן ערוך!) **יא יא!**[כה]

**אונזערע לייט אין ארץ ישראל, וואס מיר זענען מופרש אויף תורה, נישט אזוי ווי אין פוילן און אוקריינא, דארט א אינגערמאן נאך די חתונה האט ער עפעס געטוהן, געהאנדלט - געארבעט, ער האט עפעס געטוהן, ער האט געקענט האבן צוויי דריי שעות אין טאג אפרייסן זיך אויף אידישקייט, האט ער געדארפט מסדר זיין די דריי שעה, התבודדות וכו', אבער ברוך השם מיר זענען מופרש אויף תורה, קענען מיר האבן אלעס, 'קענען מיר האבן אלעס'!**

**נישט מאכן 'איין הלכה' - דאס איז 'שולחן ערוך' און שוין, און נאך אזעלכע זאכן, מיר זענען מופרש אויף תורה, קענען מיר האבן אסאך! א גרויסן שיעור שולחן ערוך, און א גרויסן שיעור אין התבודדות, מיר קענען האבן! מיר האבן צייט!**

❖

# 'ודברת בם'

(השואל: אבער מען 'ווערט אָן' א צוויי שעה גאנג, א שעה אהין, א שעה צוריק? - בדרך להתבודדות),
**מיר רעדן נישט פון דעם גאנג, און אז מען איז אויפ'ן וועג - וואס האט געטאן ר' עוזר? ער איז געגאנגען צו ר' נתן'ען, ער איז געגאנגען אפשר 'צעהן טעג' צו ר' נתן'ען פון אומין קיין ברסלב, האט ער מיטגענומען מיט זיך א גרויסן זאק, און אויפ'ן וועג האט ער יעדן טאג געלערנט! ביי אזא מענטש איז נישט שייך, "ובלכתך בדרך", אויפ'ן וועג לערנט ער אויך!**

**ביי ר' אברהם ר' נחמן'ס האט מען געזעהן אז קיין שום זאך האט איהם נישט איבערגעהאקט דאס דביקות צום אויבערשטען! איהם איז נישט געווען קיין נפקא מינה צו ער איז אין שול - צו גייט ער אין גאס - אין אומין דארטן איז געווען דארטן** (הרחוב הראשי) **אזוי ווי דא "רחוב יפו", געפוצט, מיט זאכענישן! צו ער איז אין די באן, צו ער איז אין וואקזאל, קיין שום זאך האט איהם נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטען!**

---

[כה] עי' ביאור הלקוטים על תורה ס"א אות ס"א, שמקשר ענין התבודדות ולימוד הלכה.

שטייט דאך אזוי אין קריאת שמע, "בשבתך בביתך" - דו זיצט אין שטוב, "ובלכתך בדרך" - ווען דו לייגסט זיך, ווען דו שטייסט אויף, חז"ל טייטשן קעגן קריאת שמע, אבער בפשיטות - ווען א איד לייגט זיך דארף ער איינשלאפן מיט גוטע דיבורים צום אויבערשטען, און אז ער שטייט אויף - זאגט דאך דער רבי, "כך ראוי להיות מנהג יראי ה' תיכף בבוקר (- בהקיצו קודם שיתחיל שום דבר יזכור מיד בעלמא דאתי)".[כו]

זאגט דאך דער פסוק אליין פון קריאת שמע "ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך", אומעטום, קיין שום זאך דארף נישט אפהאקן, דו גייסט אין וועג זאל די וועג נישט איבערהאקן, דו לייגסט זיך, דו שטייסט אויף, שוין דאס איז דאס!

איז דען ביי די צדיקים געווען א אנדערע תורה? אנדערע תפילין? א אנדערע פרשה? נאר זיי האבן גוט מדייק געווען דעם דיבור, און מקיים געווען דעם דיבור!

ס'שטייט דאכט זיך פונעם גאון, "ודברת בם" - ב"ם מאכט 'בראשית' און 'מאימתי', דאס ערשטע ווארט פון תורה און דאס ערשטע ווארט פון משניות - גמרא, 'תורה שבכתב' און 'תורה שבעל פה'!

נו, מיר ברוך השם קענען זאגן מען דארף לערנען מערער - די ספרים פונעם רבי'ן! 'ודברת בם'!

❖

דער אמת איז דאך אזוי, וואס מיר האבן אלץ דעם רבי'נס עצות איז דאך אלס עצות אויף 'קיום התורה'[כז] - מקיים צו זיין די תורה, מקיים זיין דעם 'בראשית' מיט'ן 'מאימתי'! מקיים זיין די תורה שבכתב מיט די תורה שבעל פה!

די צדיקים האבן דאך נישט געוואלט נאר 'געבן א חיזוק'! מען קען נישט קומען צו מקיים זיין - נאר דורך די עצות! דורך די עצות קען מען מקיים זיין דעם 'בראשית' מיט'ן 'מאימתי', אויף אלעם איז דא צייט חוץ אויף דברים בטלים, דערויף איז קיין צייט נישטא!

---

[כו] עי' תו' נ"ד אות ב'.

[כז] עי' ליקוטי הלכות הל' תחומין ה' אות כ"ב, וכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ה' (ג').

דאס פעלט אונז אויס! אז מיר זאלן נעמען די צייט פון דברים בטלים - וועט אונז נישט פעלן גארנישט, און אז מיר וועלן זיך היטן דערפון - האבן מיר אויף אלעם צייט!

מען וועט מאכן א בדיקה ביי זיך, זעהן אז איך היט זיך פון רעדן דברים בטלים, וועט מען זעהן אז איך האב פאר אלעם צייט! א גרויסער שיעור פוסקים! פאר אלעם האב איך צייט! נאר פאר קיין דברים בטלים האב איך נישט קיין צייט - דאס נישט!

נאך א זאך: חוץ וואס פון די צייט נעמט עס צו - די דברים בטלים, נאר ס'איז מזיק שוין צו יענע צייט אויך! (עת הלימוד והתפלה), אז מען קען ביי זיך פועל'ן צו אוועקגעבן די צייט - האסטו שוין נישט קיין חיות צו דאווענען, שוין נישטא קיין חיות צום לערנען! דאס איז א מין 'עונש', חוץ וואס די צייט ווערט קיין צייט נישט, איז עס מזיק די תורה ותפילה אויך!

❖ ❖ ❖

# 'והנה נער בוכה'

(השואל: ס'איז דא א ענין נישט קויפן אן אתרוג פאר ראש השנה? אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אין די תורה 'נער בוכה'?),[כח] אז עס מאכט זיך א שיינער אתרוג, כשר, מעגסטו קויפן אפילו היינט אויך! (- י"א אלול)...

(אחד הנוכחים: אין די מכתבים זאגט רבי נתן עפעס),[כט] דערמאנט ער אויך דאס, כמה פעמים האט ער געזוכט פאר יום כיפור (ולא מצא כמבוקשו), דערפאר זאגט ער - זוכט נאך - האט ער מצרף געווען פונעם רבי'ן אז ער וועט האבן נאך יום כיפור אויך! (שיהיה לו גם מעליותא זו), **אבער אזוי** (בסתמא לא הקפיד על כך).

על פי רוב פלעגט זיין, אין אומין פלעגן זיין אסאך אתרוגים, אין אומין איז געווען סוחרים אסאך, פלעגט מען קומען פון ראש השנה מיט אן אתרוג אהיים, נאך ראש השנה פלעגט מען על פי רוב אהיים ברענגען אן אתרוג! ס'פלעגן קומען פון די

---

[כח] עי' שיחות הר"ן אות פ"ז.

[כט] עי' עלים לתרופה מכתב תע"ב, אולם עי' במכתב רס"ט שאז קנה האתרוג לפני יוהכ"פ.

שטאט אויך אסאך, ס'איז געווען גביר'ישע מענטשן ביי אונז, זענען זיי אריינגעקומען מיט אסאך אתרוגים, מען האט פארקויפט שיינע אתרוגים.

נאך א זאך: ס'איז געווען זייער חשוב! א זאך וואס מען האט געבראכט פון אומין איז געווען זייער חשוב, מען האט געבראכט פון אומין א זאך!

איז געקומען סוחרים אין שול אריין, גרויסע סוחרים, געבראכט אתרוגים, און מען האט פארקויפט!

❖ ❖ ❖

# 'לעולם ידור אדם בארץ ישראל'...

(חסר, כנראה שדיברו מענין החשיבות לגור בארץ ישראל וששם ענין רביז"ל פועל יותר, וא' שואל: אלץ וואס? אלץ "ארץ ישראל", צו אלץ "דעם רבי'נס מענטשן"?) דעם רבי'נס זאך איז ארץ ישראל! "דעם רבי'נס זאך" מיט "ארץ ישראל" איז גאר איין זאך![ל] איי אנדערע זאגן נישט אזוי, איז נאך א קשיא!...[לא]

אפילו אויף חינוך פון קינדער! אז מען וואוינט נישט אין א געגענט דארטן פון די ציונים, מען וואוינט אין א געגענט דארטן 'מאה שערים', 'בית ישראל', 'בני ברק', קען מען דארטן מחנך זיין די קינדער פיל שענער ווי דארטן (- בחו"ל), פיל שענער פון דארטן! דארטן - מיט דעם גאנצן קנאק פון וויליאמסבורג אינגאנצן - איז דער חינוך פון קינדער פיל שענער פון דארטן, ווייל דא איז פארט 'ירושלים'! ס'איז פארט 'ארץ ישראל'!

ס'איז געקומען דארטן איינער, ער איז א מגיד שיעור ביי די סאטמאר'ן ישיבה אין אמעריקע, ער האט פרומע קינדער, די קינדער קומען אמאל אהער צו, קוקט מען אן די פנים'ער, ווייז איך: זעהסט, דא האסטו א פנים פון א ירושלים'דיגער פנים, קוק אן די פנים'ער, קוק אן א ירושלים'דיגער קינד מיט די פיאה'לעך, און קוק אויף דעם, זעה א חילוק פון דעם, זיי גייען דאך אויך פיאה'לעך, ס'איז אבער א אמעריקאנער פנים!

---

[ל] עי' עי' השמטות שבסו"ס ביאור הליקוטים: כמו שאין ביכולת לקבל מאדמו"ר ז"ל זולת באמצעות מורנ"ת ז"ל, כי בו לבד נשפע מנשמת ודעת רבינו ז"ל להיות ביכולת לקבל מאתו. כן בענין ארץ ישראל, כי בה לבד נשפע וניתן מאור ודעת אדמו"ר ז"ל, להיות ביכולת לקבל מאתו.

[לא] על פי מליצת לשון רביז"ל על ענין הראש-השנה, עי' חיי מוהר"ן אות קכ"ו, ר"כ, ת"ו.

און דאס איז א ירושלים'דיגער פנים, ס'איז א אנדער פנים, ממש א פנים דקדושה, א פנים וואס לייכט!

איך האב איהם געוויזן: זעה, קוק - דאס איז אונזער'ס א אינגעלע, און דאס איז א חוץ לארץ'דיגער אינגעלע! ס'איז עפעס א אנדער פנים, ס'איז נישט קיין ירושלים'דיגער פנים!

זיינע קינדער אליין (נראה שמדבר מא' הנוכחים שם שעלה מחו"ל להתיישב באר"י), זיי זענען געקומען, איצטער האבן זיי שוין אנדערע פנים'ער! אנדערע קינדער'לעך ממש, באקומען ירושלים'דיגע פנים'ער, א שיינקייט צו קוקן אויף די קינדערלעך!

דער צדיק מיט ארץ ישראל איז גאר איין זאך! נאר וואס דען, אוודאי אז מען קומט אהער צו אפזוכן זיך א ווינקעלע, מען זאל קענען זיך האלטן (מה שאין כן -) אז מען וואוינט דארטן אין רחוב יפו דארטן רח"ל, ס'איז דאך דא גוטע מקומות ברוך השם!

❖ ❖ ❖

# "חסיד בעיר קטנה"...

(השואל: וואס האט דער רבי געזאגט וועגן "נישט וואוינען - נאר אין א עיר גדולה" וואס איז דער פשט פון דעם? אין א דאָרף קען מען נישט וואוינען? ס'איז דאך א שטילער פלאץ?! היינט איז פארקערט?)[לב]

אמאל איז געווען אזוי: א קליין שטעטל איז נישט געווען קיין מקוה, אין שול איז געווען קאלט, אין שטוב איז געווען קאלט, און וואו ער איז געגאנגען איז געווען קאלט. די גרויסע שטאט איז געווען אווארעמע מקוה, און די שול איז געווען ווארעם, טאמער איז געווען אין שטוב אביסעלע קאלט איז ער נישט געווען לאנג אין שטוב, אין שול איז געווען ווארעם, איז ער געווען אין שטוב נישט לאנג, איז דאך אויך געווען א מעלה - געפינט זיך וואס ווינציגער אין שטוב! אבער אין א קליין שטעטל - די מקוה איז קאלט און די שול איז קאלט, אומעטום איז קאלט, ס'איז געווען א ארימקייט! אז מ'איז געקומען אהער צו דא, דא איז א חיים טובים!

---

[לב] עי' חיי מוהר"ן אות תס"ה: גַּם אָמַר שֶׁטּוֹב לְעִנְיַן פַּרְנָסָה לָדוּר בְּעִיר גְּדוֹלָה...

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט ווייל ער וועט זיך האלטן גרויס, א "חסיד בעיר קטנה"), **יא יא, גיי פארבאהאלט זיך... (בעיר קטנה), יא יא וועגן גאוה!**[לג]

**נאר דאס איז נאך א חילוק, אז אין א קליין שטעטל, אזוי ווי קיבליטש, איז געווען דארט א מקוה אין א דאך, קיין דאך איז נישט געווען, ס'איז געקומען ווינטער איז געווען די מקוה פול מיט שניי און פול מיט אייז, איז מען אריין אין א קעסל, דער קעסל וואס דארטן הייצט זיך, און דער קעסל איז געווען קוים לווילעך... דאס איז געווען א קליין שטעטל!**

**אין טעפליק איז געווען אביסל גרעסער, איז שוין געווען שענער, אין אומין איז שוין געווען גרויסע מקואות! ס'איז שוין געווען גבירים, ס'איז שוין געווען ווארימע מקואות!**

❖

(חוזר אדלעיל, ענין אר"י) **ווער ס'איז נעגטער צום רבי'נס זאך, איז ארץ ישראל פאר איהם זייער גוט! נאך בעסער! אה, ס'איז ארץ ישראל!**

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **יוסף זכרי' שווארץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | מוה"ר **בערל פריעדמאן** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | מוה"ר **יהוסף שווארטץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | לעילוי נשמת מרת<br>**רוחמה שרה** ע"ה<br>ב"ר **יצחק** הי"ו |

מוה"ר **אברהם משה שווארץ** הי"ו ~ ומחותנו מוה"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת נישואי צאצאיהם החתן **ישראל נ"י** עב"ג למזל טוב

---

[לג] עי' חיי מוהר"ן אות תקצ"א: ...שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אֵינָם חֲשׁוּבִים בְּעֵינָיו, שׁוֹחֵט, וּמְלַמֵּד, וְחָסִיד בְּעִיר קְטַנָּה - מֵחֲמַת שֶׁנִּקֵּל לוֹ לְהִכָּשֵׁל בְּגֵאוּת חַס וְשָׁלוֹם.